בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

442

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְּ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראַ פּארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה – לֶערְנֶען תּוֹרָה.................................................... א

מִי אוּן פְּלָאג אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל קֶענֶען דִי עִבְרִי.............................. ב

רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט.................................................................. ב

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְרן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער מִיט עִבְרִי.............................. ג

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס............................ ד

שֵׁיינֶע חֲלוּקוֹת אִינֶעם "בֵּית הַתַּבְשִׁיל"........................................ ה

צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער הַלְוָאוֹת פַאְרן נֵייעֶם בִּנְיָן.............................. ו

נִישְׁט אַרוֹיסְהֵייבְּן דִי סְמַאְרְטְפָאוֹנְס........................................ ו

קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט הוּט אוּן רֶעקְל.......................... ז

אָפְּכַאפְּן דִי שִׁיעוּרִים............................................................ ח

אַ גוּטֶער גַבַּאי צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת................................ ט

אַרוֹיסְגֶעבְּן נָאךְ נִיגוּנִים........................................................ י

אַלֶע זָאלְן הָאבְּן נָאר אָפְּגֶעהִיטֶענֶע טֶעלֶעפָאוֹנְס.............................. יא

פְּלָאג צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת, נֶעמְט אַוֶועק פְּלָאג אִין בִּיזְנֶעס...................... יא

נִישְׁט פַארְשְׁוֶועכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען.................................. יב

מִיטְן רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען מַאכְט מֶען פַאר אַלֶע שָׁאדְן........................ יד

אִיךְ הָאף דִי יָאר וֶועט דִי קָאמְפֵּיין מַצְלִיחַ זַיין................................ יד

אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע צַייט, מִיט דִי קִינְדֶער.......................... טו

אַ תְּפִילָה פַאְרן אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג אִין מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא........................ טז

דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְג אוּן זִיס מִיט אֱמוּנָה...................................... טז

מִיר הָאבְּן אַ תּוֹרָה וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן ........ יז

מֶען לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן מֶען שֶׁעפְּשֶׁעט תְּפִילוֹת ........ יח

דִּי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים ........ כ

אַ גֶעפִּיל פַּאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת ........ כא

אוֹיפְזוּכְן דִּי גוּטֶע זַאכְן בַּיי אַנְדֶערֶע ........ כב

אָפְּרֶעדְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן זֶענֶען צְוֵויי אַנְדֶערֶע זַאכְן ........ כד

נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן ........ כה

חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין קֶעגְן אַ אִיד ........ כו

פַאְרוָואס זִיךְ קְרִיגְן? ........ כז

זַיי אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ ........ כח

דַארְפְסְט מַאכְן אַבִּיסְל צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ ........ כט

פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ כט

הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען ........ ל

אַ גַן עֵדֶן אִין שְׁטוּבּ ........ לא

בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד ........ לב

אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן – אִיז דִי לֶעבְּן זִיס ........ לג

אִיךְ לִיג מִיט חוֹבוֹת פוּן אִיבֶּער פִיר מִילְיָאן דָאלֶער ........ לד

וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י פַארְטְרַייבְּט דֶעם יֵצֶר הָרָע ........ לה

זִיךְ בַּאנִיצְן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת ........ לז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה - לֶערְנֶען תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן פוּן דִיר צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר צְדָקָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער בִּזְכוּת דִי צְדָקָה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה; לֶערְנֶען תּוֹרָה טוּט אוֹיסְלַייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, לֶערְנֶען תּוֹרָה טוּט מְתַקֵּן זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ; מֶענְטְשְׁן זוּכְן תִּיקוּנִים, סְגוּלוֹת וְכוּ׳, אוּן פוּן דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה - לֶערְנֶען תּוֹרָה, זָאגְן דִי אוֹתִיוֹת הַתּוֹרָה - אִיז מֶען אַזוֹי וַוייט.

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף לִימוּד חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, ׳מִשְׁנָה׳ אִיז דִי אוֹתִיוֹת ׳נְשָׁמָה׳, ׳מִשְׁנָה׳ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, עֶס צִיט אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, פוּן גֵיהִנוֹם; אֲפִילוּ מֶען אִיז אִין גֵיהִנוֹם, מֶען בְּרֶענְט זִיךְ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט פִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען הַשֵּׁם יְרַחֵם; דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן.

...

## מִי און פְּלָאג אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל קֶענֶען דִי עִבְרִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶועֶן דִי שֵׁיינֶע ״חוּמָשׁ סְעוּדָה״, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעריִמְט דֶעם מְנַהֵל מִיטְן מְלַמֵּד פוּן כִּתָּה א׳, אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגֶע צַייט אוֹיךְ פַאר אַייךְ אָפְּצוּגֶעבְּן אַ הַכָּרַת הַטּוֹב אוֹיף דִי אִיבֶּערְמִידְלִיכֶע כֹּחוֹת וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס דַארְפְן הִילְף אוֹיפְצוּכַאפְּן דִי כְּלָלִים פוּן עִבְרִי; בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע מוֹסָד, וּבְשֵׁם אַלֶע עֶלְטֶערְן - גֶעב אִיךְ אַייךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַארְפְן אַ סַעַד וְעֵזֶר נִישְׁט אַרוֹיסְצוּפַאלְן פוּן קֶענֶען לֵיינֶען; מִיר וֵוייסְן אַזוֹי פִיל אַז מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וִויפִיל מִי און פְּלָאג גֵייט אַרַיין אִין יֶעדֶע קִינְד אוֹיפְצוּכַאפְּן דִי כְּלָלִים און קֶענֶען צוּטְרֶעפְן בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא וֶועלְכֶע כְּלַל דָאס קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף און וֶועלְכֶע מִיטְל וֶועט אַרְבֶּעטְן פַאר דֶעם קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער און קִינְד׳ס קִינְדֶער, און אִיר מִיט אַייעֶר מַאן - דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד - זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער טוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

...

## רַאטֶעוֶועןְ דִי יוּגְנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דְרוּק דְרֵיי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים: ״קֶעמְפּ״ - אַ קוּנְטְרֵס פַאר בָּחוּרִים וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג אִין ׳קֶעמְפּ׳; ״קָאנְטְרִי״ - אַ קוּנְטְרֵס פַאר אִינְגֶעלַייט וָואס פָארְן אִין ׳קָאנְטְרִי׳, און אַ קוּנְטְרֵס ״מֵיידְל קֶעמְפּ״ - פַאר עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן זֵייעֶר טָאכְטֶער אִין קֶעמְפּ, וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס זֵיי

אָנְצוּזָאגְן; אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען פוּן קֶרֶן הַדְּפָּסָה דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין אַלֶע קָאנְטְרִיס אוּן אִין אַלֶע קֶעמְפְּס, וַוייל דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְּעוּרִים אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן נָאר דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן טוּט זֵיי רַאטֶעוֶועֶן.

דִי קוּנְטְרֵסִים הָאט מִיךְ דֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן נָאכְן זִיצְן מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן הֶערְן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז פֵיין, אוּן פוּן אִינֶעוֵוייניִג אִיז דָא אַזֶעלְכֶע גֶעפֶערְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן וָואס נָאר דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי רַחְמָנוּת פוּן רֶבִּי'ן - קֶען זֵיי רַאטֶעוֶועֶן.

אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן נָאךְ מִנְחָה זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין נָאר אִין הֲפָצָה; טְרַאכְט נִישְׁט פוּן גֶעלְט, בֶּעט צְדָקָה אוּן גֶעבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה; גֵיי נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אִין וִיכּוּחִים.

בַּיים גֵיין הֲפָצָה זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דִי פִיר שֵׁמוֹת ע"ב, ס"ג, מ"ה אוּן ב"ן; יו"ד ה"י וי"ו ה"י, יו"ד ה"י וא"ו ה"י, יו"ד ה"א וא"ו ה"א, יו"ד ה"ה ו"ו ה"ה, פוּן אוֹיבְן אַרָאפּ אוּן פוּן אוּנְטְן אַרוֹיף; אַזוֹי וֶועסְטוּ צִיעֶן צוּ דִיר דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער מִיט עִבְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פָארִיגֶע וָואךְ אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית פֵיגָא, בַּיי דִי קְלַאס פוּן פְּרִי 1-a אַ גְרַאדוּאִירוּנְג פַאר דִי תַּלְמִידוֹת פוּן פְּרִי-סְקוּל, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט כֹּחוֹת אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי תַּלְמִידוֹת לֵיינֶען עִבְרִי, אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגֶע צַייט אַייךְ צוּ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן

זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְּן הִילְף אוֹיפְצוּכַאפְּן דִי כְּלָלִים פוּן דִי עִבְרִי צוּ קֶענֶען לֵיינֶען; אִיךְ קוּם בִּשְׁלִיחוּת פוּן דִי מוֹסָד אוּן בְּשֵׁם אַלֶע עֶלְטֶערְן - אַייךְ צוּ גֶעבְּן אַ הַארְצִיגְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס מֵיינְט זִיצְן מִיט קִינְדֶער וָואס כַאפְּן נִישְׁט אוֹיף דִי עִבְרִי, לֶערְנֶען מִיט זֵיי מִיט סַבְלָנוּת, קֶענֶען אָפְּלֵיינֶען דִי קִינְדֶערְ'ס מֹחַ צוּ קֶענֶען דֶערְגֵיין וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַרַיין דִי מֻשָּׂגִים פוּן קֶענֶען לֵיינֶען דִי עִבְרִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר חָשׁוּבְ'עֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, מִיט הַצְלָחָה, מִיט גֶעזוּנְט.

...

## אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן, אִיךְ בִּין אִין שְׁוֶועֶרֶע חוֹבוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ שִׁיקְן גֶעלְט פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵלְ'דִיגֶע מוֹסְדוֹת, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער פָּאנְדְרֶעיזֶער ר' אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן וֶועט קֶענֶען הֶעלְפְן שַׁאפְן דִי גֶעלְט.

מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שֵׁיינֶע חֲלוּקוֹת אִינֶעם ״בֵּית הַתַּבְשִׁיל״

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן אַהֶער שְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע חֲלוּקוֹת אִינֶעם ״בֵּית הַתַּבְשִׁיל״ מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳, אוֹיךְ הֶער אִיךְ אַז עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי נֵייעֶ סְקְווִירָא שְׁטֶעטְל פוּן סְוַואן לֶעיק, עֶס אִיז אַזַא מִצְוָה וָואס עֶנְק טוּעֶן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִויפִיל מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳, וִויפִיל מִשְׁפָּחוֹת לֶעבְּן אוֹיף דִי עֶסְן; וָואס מֶען נֶעמְט פוּן בֵּית הַתַּבְשִׁיל הָאט מֶען - אוּן מֶער הָאט מֶען נִישְׁט, נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט צוּ גֵיין אִין גְרָאסֶערִי...

בְּנוֹגֵעַ דִי אַלֶע עֶסְן וָואס מֶען טֵיילְט; אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אָדֶער פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם דַיְין שְׁלִיטָ״א, אוֹיף יֶעדֶע הֶכְשֵׁר אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט, אוּן אוֹיף וָואס עֶר זָאגְט נִישְׁט - אִיז נִישְׁט, אָדֶער זָאל מֶען מוֹדִיעַ זַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוּנְטֶער אוּנְזֶער הֶכְשֵׁר, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אַלֵיין בּוֹחֵר זַיין אוֹיבּ דָאס אִיז לוֹיט דִי הֶכְשֵׁר סְטַאנְדַארְט וָואס מֶען עֶס בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי ווִי אִין גְרָאסֶערִי וְכוּ׳.

אִיךְ זָאג נִישְׁט וֶועלְכֶע וֶועג עֶנְק זָאלְן נֶעמֶען, דָאס הָאט מִיט דִי וַעַד פוּן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אָבֶּער דָאס זָאג אִיךְ יָא, עֶנְק מוּזְן נֶעמֶען אַ וֶועג, אָדֶער - אָדֶער, וַוייל מֶענְטְשְׁן אִין דִי קְהִילָּה מֵיינֶען אַז אַלֶעס וָואס מֶען טֵיילְט - אִיז מִיט מַיין הֶכְשֵׁר...

...

## צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער הַלְוָאוֹת פַארְן נֵייעֶם בִּנְיָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן שַׁאפְן הַלְוָאוֹת פוּן צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְן וואוּ צוּ לֶערְנֶען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַאר מַיין לֶעבְן בָּארְג אִיךְ נִישְׁט; הָאב אִיךְ - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ גוּט; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ בָּארְגְן, אָבֶער פַאר דִי מוֹסָד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין צְוֵויי בְּרֵירוֹת, מִיר דַארְפְן הָאבְן בִּנְיָנִים פַאר דִי קִינְדֶער, דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל וַואקְסְן, כֵּן יִרְבּוּ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְוַואוֹרעֶמְעֶן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַנְטֵייל צוּ נֶעמֶען דִי יָאר אִינֶעם יֶערְלִיכְן אַנְשֵׁי חַיִל קָאמְפֵּיין, אַלֶע זָאלְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת אוּן אַלֶעס וָואס אַ קְהִילָה דַארְף צוּ הָאבְן.

...

## נִישְׁט אַרוֹיסְהֵייבְּן דִי סְמַארְטְפָאוֹנְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי "שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל" אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן אַזוֹיפִיל עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס קוּמְט דִיר אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי כֹּחוֹת וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דֶעם וָואךְ נָאךְ וָואךְ.

בְּנוֹגֵעַ דִי בִּילְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג מִיט דִי קְרֶעדִיט פַאר דִי וָואס בְּרֶענְגֶען דִי בִּילְדֶער; מֶען דַארְף זֶען וָואס אִיז רִיכְטִיג, וַוייל דָאס אָפְּכַאפְּן בִּילְדֶער בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ אִין אוּנְזֶער צֵייטוּנְג - אִיז נִישְׁט וָואס מֶען הֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים; בַּיי דִי שִׁיעוּרִים

און בַּיי דִי בְּרִיוְון רֶעדְט מֶען אַז אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז אַ מַזִּיק, אַ בּוֹר בִּרְשׁוּת הָרַבִּים; מֶען לֶערְנְט דִי יוּגְנְט אַז בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט מֶען אָסוּר, אָסוּר, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען אַז אוֹיב ווילְסְטוּ זַיין פוּן דִי קֶנַאקֶערְס, זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אָפְּכַאפְּן דִי פַּאסִירוּנְגֶען וְכוּ׳, און דוּ בַּאקוּמְסְט נָאךְ אוֹיף דֶעם אַ קְרֶעדִיט; טְרַאכְט אַ גֶעדַאנְק וָואס מֶען זָאל טוּן אוֹיף לְהַבָּא, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִין דִי קְהִילָּה אַ סְמַארְטְפָאוֹן.

ווילְסְט הֶערְן עֶפֶּעס שְׁרֶעקֶעדִיג? אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חֵדֶר דִי וָואךְ, עֶפֶּעס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן טֶעלֶעפָאנְס, אִיךְ שְׁטֵיי אִין דִי הָאלְוֶועַ״י און אִיךְ וַוייז פַּאר אַ גְרוֹיס קִינְד מַיין טֶעלֶעפָאן, ווִי עֶס הָאט אַ הֶכְשֵׁר, און קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן קִינְדֶערְגַארְטְן און כִּתָּה א׳ שְׁרֵייעֶן מִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מַיין טַאטֶע הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן..." עֶס הָאט מִיר גֶעשְׁטָאכְן אִין הַארְץ; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט טְרַאכְטְן וָואס מֶען קֶען טוּן.

...

## קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט הוּט און רֶעקְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְטוּן אַ רֶעקְל וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל, ווִיפִיל בְּרִיוְון הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הוּט און רֶעקְל, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן מוֹהֲרָא״שׁ און ווִיסְן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, אַ שׁוּל אִיז אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מֶען דַארְף קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אִין שְׁוִויץ גֵייט מֶען אוֹיסְגֶעטוּן, (נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין שְׁוִויץ), אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ קוּמֶען מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, מִיט דַיין הוּט און רֶעקְל.

טְרָאסְט מִיךְ, אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְט בִּיז אַהֶער, דוּ וֵוייסְט אַלֵיינְס אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וָואלְסְטוּ נָאךְ גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, דוּ וֵוייסְט גָאר גוּט וָואס אִיךְ

הָאב דיר גֶעטוּן; גֶעבְּרֶענְגְט אַ שִׁידוּךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער, מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן, און אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ וַוייטֶער הֶערְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים, עִם נְדִיבֵי עַמּוֹ.

אִיךְ הָאב דִיךְ לִיבּ.

...

## אָפְּכַאפְּן דִי שִׁיעוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְּן מִיט אָפְּכַאפְּן דִי שִׁיעוּרִים סֵיי אִינְדֶערְפְרִי און סֵיי בַּיינַאכְט, הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט מִיר גֶעבַּאדֶערְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט וְכוּ׳, הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי שִׁיעוּר, ווייל דִי שִׁיעוּרִים קֶען אִיךְ נָאר גֶעבְּן אַז מֶען רִיקָארְדְט עֶס, און אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גְרֵייט אַכְט אַזֵייגֶער אִיז מִיר אַ שָׁאד צוּ וַוארְטְן, אַ שָׁאד מַיין צַייט, אִיךְ הָאב אַזוֹיפִיל צוּ טוּן אַ טָאג, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זַיין פִּינְקְטְלִיךְ אִין צַייט מִיט דִי גְמָרָא, קֶעמְעֶרֶע, בַּאטֶערִי וְכוּ׳, רִיקָארְדֶער וְכַדוֹמֶה.

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און אַ יוֹם תְּהִלִים, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, בֶּעט פַאר דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם, און צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּענְקֶען מֶער און מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אַ גוּטֶער גַּבַּאי צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אֶפְשָׁר הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַ גֶעדַאנְק וֶוער עֶס קֶען זַיין אַ גוּטֶער גַּבַּאי צְדָקָה פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת? אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ טְרָאגְן דִי עוֹל פוּן שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת; לֶעצְטְנְס, דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר - בִּיסְטוּ מֶער נִישְׁט עוֹסֵק אִין דֶעם, הָאסְט אַוֶועק שְׁפַּאצִירְט...

אֶפְשָׁר הָאסְטוּ אַ גֶעדַאנְק וֶועם מִיר זָאלְן אוֹיפְנֶעמֶען פַאר דֶעם? דִי מוֹסָד וַואקְסְט בְּלִי עַיִן הָרָע, אוּן ״אֵין הַקֹּמֶץ מַשְׂבִּיעַ אֶת הָאֲרִי, וְאֵין הַבּוֹר נִתְמַלֵּא מֵחֻלְיָתוֹ״, דִי חוֹבוֹת וַואקְסְן מֶער אוּן מֶער, אִיךְ וֶוער צֶעדְרִיקְט, עֶס נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיינֶע כֹּחוֹת, מַיין מֹחַ - פוּן קֶענֶען טוּן פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן פַאר דִי קְהִילָה, מִיר מוּזְן שַׁאפְן אַ פָאנְדְרֶעיזֶער וָואס זָאל צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה, סַיי פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן סַיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם.

מִיט דִי יְשִׁיבָה הֶעלְפְסְטוּ מִיר זַייעֶר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ זַייעֶר הֲנָאָה וִוי דוּ בִּיסְט מְקָרֵב אוּן מְחַזֵּק אַלֶע בָּחוּרִים; זֶע וִוי מֶער זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים, שְׁמוּעֶסְן, פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁפַּאצִירְן מִיט זֵיי, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁפִּילְן אִינְדִיק מִיט וֶועם עֶס פֶעלְט אוֹיס. דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, אוּן גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אַ טֶערְקִי״, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, מוּסָר הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, קְנָס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, בִּיז דֶער חָכָם - דָאס אִיז דֶער צַדִּיק - אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַן אִינְדִיק, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ טֶערְקִי״, עֶר הָאט מִיט אִים אַרוּם גֶעשְׁפִּילְט, בִּיז עֶר הָאט אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם טַאטְן, צוּם קֶענִיג - דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## אַרוֹיסְגֶעבְּן נָאךְ נִיגוּנִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶעלְף מִיר אַרוֹיסְגֶעבְּן נָאךְ נִיגוּנִים, דָאס אִיז דָאךְ אַזוֹי וִוּיכְטִיג, מֶענְטְשְׁן דַארְפְן דִי אֱמוּנָה נִיגוּנִים פַּאר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועֶרע יִסוּרִים, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן הַיינְט זֵייעֶר שְׁוַואכֶע נֶערְוֶוען, אַלֶע לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוֶוען אוּן מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן... אוּן נָאר דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן תִּקְוָה - שְׁטַארְקְט דִי מֹחַ מֶען זָאל קֶענֶען צִיעֶן נָאךְ אַ טָאג אוּן בְּלַייבְּן בַּיים דַעַת.

יֶעצְט זוּמֶער וֶוען אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל - אִיז מִיר גְרִינְגֶער אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן טֶעיפְּס אוּן סִידִיס. אִיךְ ווִיל אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם זוּמֶער אָן אַ שִׁיעוּר סִידִיס, 1) דִי בָּחוּרִים סִידִי, 2) נָאךְ אַ סִידִי פַּאר אַלֶעמֶען, 3) אַ סִידִי פַּאר מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים; אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעדַאנְקֶען, אָבֶער אִיךְ דַארְף אֵיינֶער וָואס זָאל מִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּ דֶעם אוּן מִיר הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ וָואס אִיךְ דַארְף אָנְקוּמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶענְטְשְׁן דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, סְפֶּעצִיעֶל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל ״כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵירוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ״ (סוּכָּה נב.), וִוי מֶער מֶען וֶוערְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק, אַסַאךְ נְקוּדוֹת הֶחָבֵר נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דִי גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים וָואס דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם מַאכְט פַארְן מֶענְטְשׁ אִים אָפְּצוּקִילְן פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי׳ן.

...

## אַלֶע זָאלְן הָאבְּן נָאר אָפְּגֶעהִיטֶענֶע טֶעלֶעפָאוֹנְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), י' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרְדְּכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן זִיצְן הַיינְט פַאר אַ מִיטִינְג מִיט דִי קָאמְפֶּענִי "טֶעג", אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דָא אִין שְׁטֶעטְל אַן אָפִּיס צוּ קֶענֶען פִילְטֶערְן טֶעלֶעפָאוֹנְס וְכַדּוֹמֶה; אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן טֶעכְנָאלָאגְיֶע.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט מְחַזֵּק זַיין אוּן אוֹיךְ פַארְלַאנְגֶען פוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן בַּיי אוּנְז דִי קִינְדֶער, סַיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן סַיי וָואס זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָדֶער מִשְׁפָּחוֹת, קִינְדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן שִׁיקְן בַּיי אוּנְז דִי קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן הָאבְּן נָאר אָפְּגֶעהִיטֶענֶע טֶעלֶעפָאוֹנְס וְכַדּוֹמֶה, וַוייל ווִי קֶענֶען מִיר הַאלְטְן קִינְדֶער פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס עֶס אִיז דָא דָארְט אָפֶענֶע כֵּלִים צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן דִי וֶועלְן אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

...

## פְלָאג צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת, נֶעמְט אַוֶועק פְּלָאג אִין בִּיזְנֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), י' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזַא שָׁאד אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דָאס הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט אַז ווִי מֶער דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עוֹל פוּן דִי מוֹסְדוֹת - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אַן עוֹל אִין דַיין בִּיזְנֶעס, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ג, ה): "כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה", וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי עוֹל פוּן לֶערְנֶען

תּוֹרָה און פון הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה - "מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ", נֶעמְט מֶען אַוֶּועק פון אִים דִי פְּלָאגֶענִישׁ פון פַּרְנָסָה און פון צָאלְן מִסִּים וְאַרְנוֹנִיּוֹת, און פַארְקֶערְט, "וְכָל הַפּוֹרֵק מִמֶּנּוּ עוֹל תּוֹרָה נוֹתְנִין עָלָיו עוֹל מַלְכוּת וְעוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ".

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מָאס וְוִיפִיל עֶר דַארְף זִיךְ פְּלָאגְן, און יֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וְוִיפִיל מֶען זָאל זִיךְ דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה דַארְפְן מוּטְשֶׁען, 'הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ', לֵייגְט עֶר אַרַיין דִי עָמָל אִין 'עָמָל שֶׁל תּוֹרָה', און מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוועט פון זָארְגְן אֵייגֶענֶע זָארְג, אַשְׁרֵי לוֹ, וַוייל 'אָדָם לְעָמָל יוּלָּד', אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ פְּלָאגְן, און אֲפִילוּ דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס דְרֵייעֶן פון דַארְפְן לַיידְן, און זִיךְ פְּלָאגְן, און פון זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן, נָאר דִי עֵצָה אִיז דָא; אוֹיפְטוֹישְׁן דִי זָארְג, פְּלָאג, וֵוייטָאג - פַאר תּוֹרָה.

עֶס אִיז כְּדַאי פַאר דִיר צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב, סִימָן קיט), וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דִי זַאךְ, וִוי אַלֶע לַיידְן יְסוּרִים, אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, אֲפִילוּ דִי הֶעכְסְטֶע מִינִיסְטָארְן, אַלֶע לַיידְן, און עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין וֶועג זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועןן פון דִי צָרוֹת און וֵוייטָאג, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה און הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

...

## נִישְׁט פַארְשְׁוֶועכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְשְׁוֶועכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, דוּ לֵייגְסְט אַרוֹיס סְטֶעטוּס וִוי דוּ טַאנְצְט בַּיי אַ גֶעמִישְׁטֶע קָאנְצֶערְט בְּתַעֲרוּבוֹת, פִּיל מִיט פְּרִיצוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִדּוּשִׁין מ.), אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע יֵצֶר הָרָע: "יֵלֵךְ לַמָּקוֹם שֶׁאֵין מַכִּירִין אוֹתוֹ וְיִלְבַּשׁ שְׁחוֹרִים

וְיִתְכַּסֶּה שְׁחוֹרִים", זָאל עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז חַס וְשָׁלוֹם עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין חִלּוּל הַשֵּׁם; הַיינְט מִיט דִי סְטֶעטוּס, אַז מֶען לֵייגְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - וֶוערְט נִתְחַלֵּל שְׁמוֹ הַגָּדוֹל, אוֹיףְ דִי פְרֵייעֶ זָאגְן אוּן שְׁרַייבְּן: "קוּקְט וואוּ דִי פְרוּמֶע אִידְן זֶענֶען, קוּקְט וָואס דִי פְּרוּמֶע טוּעֶן..."

טוּ תְּשׁוּבָה; סַיי זָאלְסְט מֶער נִישְׁט גֵיין צוּ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע פְּלֶעצֶער, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז דוּ פַאלְסְט - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּכַאפְּן אוּן אַרוֹיסְלֵייגְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "חָצִיף עֲלַי מַאן דִּמְפָרֵשׁ חֶטְאֵיהּ", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עַזּוּת אוּן אַ חוּצְפָּה וֶוער עֶס דֶערְצֵיילְט אוּן אִיז מְפַרְסֵם זַיינֶע עֲבֵירוֹת; נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעג מֶען דֶערְצֵיילְן אוּן מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן, זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּן וֵויינֶען עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען דִי תְּשׁוּבָה.

אוֹיךְ מִיךְ פַארְשֶׁעמְסְטוּ, אוּן אוֹיךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט דָאס מֶער נִישְׁט טוּן, דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; זָאלְסְט גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס, אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן כַּךְ וְכַךְ דַּפִּים גְמָרָא, חָק וְלֹא יַעֲבוֹר, יְהִי' מַה שֶׁיְּהִי', דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט), אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ תּוֹרָה - וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס אוּן בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

## מִיטְן רֶעדְן בַּיים דַאוְונֶען מַאכְט מֶען פַאר אַלֶע שָׁאדְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוְונֶען, אַז מֶען רֶעדְט בַּיים דַאוְונֶען מַאכְט מֶען זִיךְ שָׁאדְן, מֶען מַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס שְׁלֶעכְט, דִי תְּפִלּוֹת וֶוערְן גֶעלֵייגְט אִין אַ זַייט, מֶען מַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס שָׁאדְן.

רֶעד נִישְׁט אִין שׁוּל; בַּאזוּנְדֶער בֶּעט אִיךְ דִיר אַז בַּיי אוּנְזֶער שׁוּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן, בַּיי אוּנְז אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אִינְגֶעלַייט וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן וַוארְטְן אוֹיף נַחַת, אַזוֹיפִיל דַארְפְן אַ יְשׁוּעָה אִין פַּרְנָסָה; אוּן מִיטְן רֶעדְן בַּיים דַאוְונֶען מַאכְט מֶען פַאר אַלֶע שָׁאדְן, אוּן אִיךְ אַלֵיינְס דַארְף אוֹיךְ יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוְונֶען, אוּן אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין פָּאלִישׁ, גֵיי אַרוֹיס פוּן שׁוּל עֶרְלֶעדִיגְן דִי זַאכְן.

וּבְחָנוּנִי נָא בְּזֹאת, אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה, דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה; אַז דוּ וֶועסְט פַארְמַאכְן דַיין מוֹיל, דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן ווִי אַנְדֶערֶע רֶעדְן - וֶועסְטוּ גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאף דִי יָאר וֶועט דִי קָאמְפֵּיין מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ׳עֶ פְרוֹיעֶן פַארְאֵיין פוּן ״נְשֵׁי חַיִל״, וָואס טוּעֶן וַואלֶענְטִירְן פַאר אוּנְזֶער יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת פַאר דָאס וָואס עֶנְק לֵייגְן אַרַיין עֶנְקֶער צַייט אוּן כֹּחַ אַז דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין זָאל זַיין מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה; אִיךְ הָאף אַז דִי יָאר וֶועט דִי קָאמְפֵּיין מַצְלִיחַ זַיין, אוּן

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט אַלֶע חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן בּוֹיעֶן אוּנְזֶער שֵׁיינֶע הֵיילִיגֶע קְהִילָה, קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, און מִיר וֶועלְן וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת און אַלֶעס וָואס אַ קְהִילָה דַארְף.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ.

...

## אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע צַייט, מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְלֵייג זִיךְ אַז דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע צַייט. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ פח.), דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי אַבָּא און רַב הַמְנוּנָא סַבָּא: ״כַּד הֲוָה יְתִיב בִּסְעוּדְתָא דְשַׁבְּתָא הָוֵי חַדֵי בְּכָל חַד וְחַד״, זֶענֶען גֶעזִיצְן בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת און זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט; גְרֵייט זִיךְ אָן אֵיינְס צְוֵויי מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַ צַדִיק, דֶערְצֵייל דָאס בַּיי דִי סְעוּדָה, און מֶער פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס. שְׁמוּעֶס מִיט דִי קִינְדֶער און הֶער אוֹיס דִי קִינְדֶער ווִי זֵיי שְׁמוּעֶסְן, און וַוארְף אַרַיין אִין דִי שְׁמוּעֶסְן בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן אֱמוּנָה אוֹיף אַ גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג, דָאס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער.

דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעשְׁפִּילְט ווִי אַן אִינְדִיק, זִיךְ נַארִישׁ גֶעמַאכְט וְכוּ׳, בִּיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן; דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אַלֶע חָכְמוֹת לִיגְט אִין דֶעם, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מְקָרֵב זַיין דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, דוּרְךְ זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## אַ תְּפִילָה פַארְן אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג אִין מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג אֵיידֶער אִיר הֵייבְּט אָן מִיט שְׁפִּילְן מִיט בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת אִין מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִיר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער אוּן אוֹיךְ אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא, מִיר זָאלְן אַלֶע הַנָאָה הָאבְּן אוּן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מִיר זָאלְן אַלֶע קוּמֶען גֶעזוּנְט אוּן אַהֵיים גֵיין גֶעזוּנְט, קֵיינֶער זָאל חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט; אָנָּא ה׳, אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף עֶס זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אִין מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא, עֶס זָאל זַיין צְוִוישְׁן אוּנְז נָאר שָׁלוֹם אוּן רֵעוּת, מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן וֵויי גֶעטוּן, בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים פוּן אוּנְזֶער דוֹר, וּבִזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, בִּפְרַט רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וְתַלְמִידָיו, אָמֵן סֶלָה".**

...

## דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְג אוּן זִיס מִיט אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער, אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן יִסוּרִים - אִיז נָאר וַוייל פוּן הִימְל וִויל מֶען זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה, וָואס וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ טוּן? וֶועט עֶר זִיךְ פַארְלִירְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם שֶׁעלְטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; דוּ זָאלְסְט אִים שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן, אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז עֶר, אוּן אַלֶעס וָואס טוּט פַּאסִירְן - אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי

טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ס:): "כֹּל דְּעָבֵיד רַחֲמָנָא לְטָב עָבֵיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט.

דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְג אוּן זִיס מִיט אֱמוּנָה, וַוייל וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): - "חַיָּיו חַיִּים", אִיז זַיין לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵוייטָאג אוּן יְסוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס נָאר לְטוֹבָה, עַיֵּין שָׁם.

גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ", בָּרוּךְ ה' מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיט אֱמוּנָה, אוּן מִיט זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַשְׁרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיר הָאבְּן אַ תּוֹרָה וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ זוּכְסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן - אִיז נָאר דָא אֵיין פְּלַאץ, אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶס וֶועט דִיר וֶוערְן אַזוֹי זִיס אוּן לִיכְטִיג.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפְרֶעגְט זַיין טָאכְטֶער וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין אוּקְרֵיינֶע: ״וָואס מַאכְן עֶפֶּעס דִי אִידְן אִין אוּקְרֵיינֶע?״ הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״טַאטֶע, דִי לַיידְן דָארְט פוּן דִי רוֹצְחִ׳ישֶׁע אוּקְרֵיינֶער אִיז מֶער וִוי מֶען הָאט גֶעלִיטְן אִין מִצְרַיִם...״, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: ״זָאג נִישְׁט אַזוֹי, מֶער פוּן מִצְרַיִם קֶען נִישְׁט זַיין, אִין מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְגְסְטֶע, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, הַיינְט הָאבְּן מִיר אַ תּוֹרָה וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן אוּן וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן״.

לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר חָשׁוּב אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הַאלְטְן מִיט דִיר אַ קְלֵיין תְּהִלִים; אַזוֹי וִוי מֶען הַאלְט מִיט זִיךְ אִין דִי הֵייסֶע זוּמֶער טֶעג אַ בָּאטְל וַואסֶער, זִיךְ צוּ דֶערְקְוִויקְן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אַ תְּהִלִים אוּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין; אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תפה), אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים אִיז וִוי אַ קַאלְטֶע טְרִינְק פָּאנְטְשׁ.

דִי וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר, מֶען פַּאסְט תַּעֲנִית שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן מֶען שֶׁעפְּשֶׁעט תְּפִילוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ מוּז דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט בַּיים לֶערְנֶען גְמָרָא, (דֶעם מָארְגֶנְדִיגְן דַף, חוּלִין דַף סג), דִי גְמָרָא רֶעדְט פוּן דִי כָּשֵׁרְ׳עֶ פֵייגְלֶעךְ אוּן דִי טָמֵא׳נֶע פֵייגְלֶעךְ; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז דִי פֵייגְל ׳רָחָם׳ וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא יא, יח), אַז דָאס אִיז פוּן דִי טָמֵא׳נֶע פֵייגְלֶעךְ

- דָאס אִיז דִי פֵייגְל 'שְׁרַקְרַק'; דִי גְמָרָא זָאגְט אַז וֶוען מֶען זֶעט דִי פֵייגְל אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶס גֵייט קוּמֶען שֶׁפַע, עֶס גֵייט רֶעגֶענֶען, "וּגְמִירִי", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְקוּבָּל, "דְּאִי יָתֵיב אַאַרְעָא", אַז אוֹיבּ מֶען זֶעט דִי פֵייגְל זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, "וְשָׁרֵיק", אוּן טְשִׁיפְּשֶׁעט, "אֲתָא מְשִׁיחָא", אִיז אַ סִימָן אַז מָשִׁיחַ גֵייט יֶעצְט קוּמֶען, "שֶׁנֶּאֱמַר 'אֶשְׁרְקָה לָהֶם וַאֲקַבְּצֵם'", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (זְכַרְיָ' י, ח), אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אַ פַּייף, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ צַאמְנֶעמֶען דִי אִידְן פוּן גָלוּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת, מֶען פַאלְט אִין בְּלָאטֶע, מֶען לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד - זָאל מֶען פוּן דָארְט שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִלּוֹת, פוּן דָארְט זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע" - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט; דָאס אִיז פְּשַׁט: "דְּאִי יָתֵיב אַאַרְעָא", אוֹיבּ מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד - דָאס מֵיינְט מֶען אִיז בְּחִינַת 'עֲפָרִים', בְּלָאטֶע, מֶען אִיז פוּל מִיט תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן מִידוֹת רָעוֹת, "וְשָׁרֵיק", אוּן מֶען פַייפְט - מֶען שְׁרֵייט: "נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע", מֶען קְוִויטְשֶׁעט צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן - "אֲתָא מְשִׁיחָא", קוּמְט מָשִׁיחַ, מֶען וֶוערְט בַּאפְרֵייט פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ" (תְּהִלִּים סט, יט).

דָאס וֶועט זַיין דֶער סִימָן פוּן מָשִׁיחַ, מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּד פוּן "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח), מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען, אַז אֲפִילוּ "יָתֵיב אַאַרְעָא", דוּ לִיגְסְט אִין בְּלָאטֶע, דוּ לִיגְסְט אִין עֲבֵירוֹת, "וְשָׁרֵיק" - שְׁרֵיי פוּן דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת,

מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת"; נָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַנַ"ת (שָׁם, סִימָן שב): "דֶער עִיקָר אִיז 'מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי'" (יוֹנָה ב, ג).

ווי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶועְן, ווי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן מוֹהֲרָא"ש וָואס לֶערְנְט אוּנְז דִי לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי לִימוּדִים פוּן מָשִׁיחַ...

מָארְגְן - שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַּמּוּז - פַאסְט מֶען, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי דְרַיי וָואכְן, דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, וָואס מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵלוּת - זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, און מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, מֶען מֵיינְט אַז דִי דְרַיי וָואכְן זֶענֶען טֶעג פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז פִּינְקְט פַארְקֶערְט, עֶס זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מוֹהֲרַנַ"ת, מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ יְרִידָה אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים'; הָאט מוֹהֲרְנַ"ת גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען זֵייעֶר נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דוּרְךְ דַאוֶונֶען און טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים".

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג מִיט לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, און אֲפִילוּ מֶען פִירְט זִיךְ בְּדִינֵי אֲבֵלוּת - זָאלְסְטוּ אָבֶּער זַיין פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט אַרוּם גֵייְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט

גֶעזָאגְט פַארְן הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "צַהֲלָתוֹ בְּפָנָיו וְאֶבְלוֹ בְּלִבּוֹ", דִי הַארְץ אוּנְזֶערֶע - וֵויינְט אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶענֶען מִיר פְרֵיילִיךְ, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן; אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִּיקִים, אוּן אַזוֹי הָאבְן זֵיי גֶעלֶערְנְט דִי תַּלְמִידִים, מֶען זָאל שְׁמֵייכְלֶען אוּן זַיין מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט זָאל מֶען עוֹסֵק זַיין אִין קְלָאגְן אוּן וֵויינֶען אוֹיפְן חוּרְבָּן הַבַּיִת.

...

## אַ גֶעפִיל פַאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִין דִי דְרַיי וָואכְן, דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים' - דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין מִיט אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה", וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל - "כְּאִלּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", אִיז אַזוֹי וִוי דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז בַּיי אִים נִישְׁט חָרוּב; וָואס מֵיינְט דַּעַת אוּן שֵׂכֶל? דָאס מֵיינְט מֶען דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד, לה): "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", וַוייל דָאס אִיז דִי חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס וָואס מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וָואס מֶען רֶעדְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַיין אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל; עַל כֵּן דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן גָלוּת, מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה? דוּרְךְ תְּפִלָּה; דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דוּרְךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דִי אֱמוּנָה זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים זִיךְ

שְׁטַארְקְן אִין דִי זַאךְ פוּן גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, טְרֶעף זִיךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, בֶּעט אִים אוֹיף רוּחָנִיוּת אוּן אוֹיךְ אוֹיף גַשְׁמִיוּת, רֶעד מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף אִידִישׁ, דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין בְּמֶשֶׁךְ הַיָּמִים צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַיין דַעַת וֶועט וֶוערְן שְׁטַארְק גֶעבּוֹיט, בִּיז עֶס וֶועט זַיין בַּיי דִיר אַ בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע דַיינֶע גָלוּת'ן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער דִי עֲבוֹדָה, וַוייל ווִילַאנְג דִי אֱמוּנָה אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר אוּן לוֹיטֶער - הָאט מֶען נִישְׁט דִי גֶעפִּיל פַאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶועןֶ, מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן מֶען וֶוערְט מִיד, מֶען הֵייבְּט אָן גֶענֶעצְן, בִּיז מֶען לָאזְט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אוּן וַוייל מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי דִי תְּפִלּוֹת וֶוערְן נִתְקַבֵּל, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי מֶען הֶערְט מִיךְ אוֹיס וְכוּ', וַוייל פוּן אַסַאךְ זִינְדִיגְן, פוּן טוּן עֲבֵירוֹת - וֶוערְט "עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עַיְנִין" (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, דַף רנב.), עֶס וֶוערְן וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְדֶעקְן דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען הַאלְט אָן דִי עֲבוֹדָה טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, בִּיז כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו.

...

## אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע זַאכְן בַּיי אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען מִיר קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיר זָאגְן "תִּיקוּן חֲצוֹת", אוּן מִיר זָאגְן תִּשְׁעָה בְּאָב: "אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד", מִיט דִי קִינוֹת - אִיז דָאס אוֹיפְן הַיינְטִיגְן חוּרְבָּן; מִיר וֵויינֶען אוֹיף דִי גָלוּת הַשְּׁכִינָה, ווִי וַוייט מִיר זֶענֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֵויינֶען אוֹיף אוּנְזֶער חוּרְבָּן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קא): "אֵין אוֹמְרִים חֲצוֹת עַל הֶעָבָר", מֶען ווַיינְט נִישְׁט אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט יָארְן צוּרִיק, נָאר "עַל מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה עַכְשָׁו עִם הָאָדָם", אוֹיף וָואס עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט מִיטְן מֶענְטְשׁ; מֶען דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי פְּסוּקִים אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין דִי גְאוּלָה, אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת וָואס הַאלְט צוּרִיק דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא ט:), דִי צְוֵייטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיב מַחֲלֹקֶת אוּן שִׂנְאַת חִנָּם, "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", אוּן נָאכְאַלְץ אִיז דָא דִי עֲבֵירָה פוּן זִיךְ קְרִיגְן, אוּן פוּן זִיךְ פַיינְט הָאבְּן, אוּן דָאס אִיז מְעַכֵּב דִי גְאוּלָה.

עַל כֵּן יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אִין דִי דְרַיי וָואכְן, אִין דִי בֵּין הַמְּצָרִים טֶעג, זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן מִיט אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע זַאכְן בַּיי אַנְדֶערֶע, אוּן זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁבוּעוֹת ל.) אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, טו): "'בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ', הֱוֵי דָן אֶת חֲבֵירְךָ לְכַף זְכוּת", זַיי דַן יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן, אוּן אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וַוייל (שַׁבָּת קכז:): "הַדָּן חֲבֵירוֹ לְכַף זְכוּת דָּנִין אוֹתוֹ לִזְכוּת", דֶער וָואס קוּקְט גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע קוּקְט מֶען פוּן הִימְל אוֹיף אִים גוּט, מֶען אִיז אִים אוֹיךְ דַן לְכַף זְכוּת, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ מִיט חֶסְרוֹנוֹת - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת נז.): "אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", אַז אֲפִילוּ דִי לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת, אַזוֹיפִיל וִוי דִי קֶערְלֶעךְ פוּן אַ מִילְגְרוֹים; מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע קֶערְלֶעךְ, דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת.

...

## אָפְּרֶעדְן און אוֹיסְרֶעדְן זֶענֶען צְוַויי אַנְדֶערֶע זַאכְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים' וֶוען מִיר קְלַאגְן אוֹיפְן חוּרְבַּן הַבַּיִת - דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן צוּ אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט; וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כט.), וֶוען דִי מְרַגְּלִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - הָאבְּן אַלֶע אִידְן גֶעוַויינְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "אַתֶּם בְּכִיתֶם בְּכִיָּה שֶׁל חִנָּם", דֶערְפַאר וָואס עֶנְק הָאבְּן גֶעוַויינְט אוּמְזִיסְט, "אֲנִי קוֹבֵעַ לָכֶם בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת", וֶועל אִיךְ בַּאשְׁטִימֶען דֶעם טָאג עֶנְק זָאלְן אַלֶע יָארְן וֵויינֶען, אוּן טַאקֶע דֶעם טָאג, תִּשְׁעָה בְּאָב, זֶענֶען בֵּיידֶע בָּתֵּי מִקְדָּשׁ חָרוּב גֶעוָוארְן.

מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר דַארְפְן אוֹיפְהֶערְן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן וֵויינֶען, אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס וִוי זַאכְן זֶענֶען שְׁלֶעכְט, עֶס זֶעט אוֹיס גֶעפֶערְלִיךְ - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען וֵויינְט, מֶען מֵיינְט אַז פוּן הִימְל וִויל מֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן - דֶעמָאלְט וֶוערְט אַ בְּכִיָּ' לְדוֹרוֹת; מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דִי וֵוייטָאג וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער; דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מָשִׁיחַ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ אִלְּמִים', מָשִׁיחַ וֶועט מַאכְן אַלֶע שְׁטוּמֶע זָאלְן שְׁמוּעֶסְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען רֶעדְט פוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן, דָאס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, 'אָפְּרֶעדְן' אוּן 'אוֹיסְרֶעדְן' זֶענֶען צְוַויי אַנְדֶערֶע זַאכְן, דָאס אִיז כִּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב; 'אָפְּרֶעדְן' אִיז 'טוּמְאָה', 'עַצְבוּת' וּ'מָרָה שְׁחוֹרָה', אוּן זִיךְ 'אוֹיסְרֶעדְן' - אִיז 'קְדוּשָׁה'; מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַז זַאכְן טוּעֶן וֵויי - דַארְף

מֶען קוּמֶען מִיט תַּחֲנוּנִים בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן.

...

## נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרְנַ״ת פְלֶעגְט זָאגְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן נָאךְ מֶער אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְט עֶר: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם״, ״גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר״ וְכוּ׳ - זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן נָאךְ מֶער גוּטְס, עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוּן דָאס אִיז וָואס מֶען וֵויינְט עַד הַיּוֹם יֶעדֶע יָאר תִּשְׁעָה בְּאָב, וַוייל מֶען הָאט גֶעקְרֶעכְצְט, מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נָאר צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אוּנְז דִי טֶעג פוּן ׳בֵּין הַמְּצָרִים׳, עֶר וֶועט אוּנְז גֶעבְּן נָאר גוּטְס, פוּן הִימְל וֶועט מֶען זָאגְן: ״קוּקְט דֶעם אִיד וָואס הָאט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט צָרוֹת וְיִסּוּרִים, אוּן דָאךְ דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אִים גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס״; מוֹהֲרָא״שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, א): ״הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב״, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג שְׁטֶענְדִיג: ׳כִּי טוֹב׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, דוּרְכְדֶעם וֶועט זַיין: ״כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ״, וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים; וַוייל דוּרְךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, מֶען זֶעט אָפֶּענֶע נִיסִים.

...

## חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין קֶעגְן אַ אִיד

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַחְלֹקֶת אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶוערְן פַארְכַאפְּט אִין דֶעם, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ דִמְיוֹן אַז זֵיי דַארְפְן פַארְעֶכְטְן דִי וֶועלְט, אוּן נָאר זֵיי זֶענֶען בַּיים אֱמֶת, אוּן אַלֶע דַארְפְן זִיךְ אוּנְטֶערְוַוארְפְן אוּנְטֶער זֵיי, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט - אִיז אַ מִצְוָה זֵיי צוּ רוֹדְפִ'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קוּמְט צוּ זֵיי פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר טוּט אָנְהֶעצְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן 'מֶען דַארְף מְתַקֵן זַיין דִי וֶועלְט' וְכוּ'.

אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אָן אַ חִסָרוֹן, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶוערְט בַּאשַׁאפְן מִיט אַ פֶּעלֶער וְכוּ', אוּן דִי עֲבוֹדָה אִיז דָאס אוֹיס צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ מַשְׁלִים זַיין, אָבֶּער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן שְׁלֶעכְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זוּכְן דִי חֶסְרוֹנוֹת, אוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אַיינְרֶעדְן צוּ זוּכְן בַּיי אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטְס - זָאל מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי חַטָאוֹת נְעוּרִים, אוּן אוֹיךְ וִוי מֶען הַאלְט יֶעצְט וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן אוֹיךְ אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד, אַ חָסִיד - דַארְף מֶען זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען וִוי מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט דִי אֵייגֶענֶע עִנְיָנִים (פְּגַם הַבְּרִית), וִוי עֶס קוּמֶען אַרַיין נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין קֶעגְן אַ אִיד, חַס וְשָׁלוֹם צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד, אָדֶער מְקַפֵּחַ זַיין אֵיינֶעמְ'ס פַּרְנָסָה, וַוייל נָאר דוּרְךְ שָׁלוֹם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ה, טו): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַחֵם אֶת יְרוּשָׁלַיִם אֶלָּא בְּשָׁלוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טְרֵייסְטְן יְרוּשָׁלַיִם, נָאר בִּזְכוּת שָׁלוֹם, אוּן "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַשֵּׂר אֶת יְרוּשָׁלַיִם שֶׁיִּהְיוּ נִגְאָלִים אֶלָּא בַּשָּׁלוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זָאגְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט נָאר מִיט שָׁלוֹם, "שֶׁנֶּאֱמַר" אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נב, ז-ט): "מַה נָּאווּ עַל הֶהָרִים רַגְלֵי מְבַשֵּׂר מַשְׁמִיעַ שָׁלוֹם מְבַשֵּׂר טוֹב מַשְׁמִיעַ יְשׁוּעָה אֹמֵר לְצִיּוֹן מָלַךְ אֱלֹקָיִךְ, קוֹל צֹפַיִךְ

נָשְׂאוּ קוֹל יַחְדָּו יְרַנֵּנוּ כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה׳ צִיּוֹן, פִּצְחוּ רַנְּנוּ יַחְדָּו חָרְבוֹת יְרוּשָׁלָם כִּי נִחַם ה׳ עַמּוֹ גָּאַל יְרוּשָׁלָם", אָמֵן סֶלָה.

...

## פַארְוָואס זִיךְ קְרִיגְן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת, מִיט מְתַקֵּן זַיין אַנְדֶערֶע וְכוּ׳, וַוייל דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶר וֵוייסְט אַז 'אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ דַארְפְן אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן, אֵיין טָאג וֶועט קוּמֶען דֶער מַלְאָךְ... אוּן אִיךְ וֶועל אַלֶעס דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן, אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, מַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין וְכוּ׳'; אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים אָנְהֶעצְן וְכוּ׳, אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ קְרִיגְן וְכוּ׳ - וֶועט עֶר אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי סָארְט מִצְוֹת.

יֶעדֶער אִיז אִיבֶּערְצֵייגְט אַז בַּיי זֵיי אִיז דִי אֱמֶת, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער: "אֱ-מֶת", אֵיין טָאג: "אֶהְיֶ' מֵת", וֶועל אִיךְ זַיין אַ נִפְטָר, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, נִישְׁט קַיין מֶעכְטִיגְקֵייט וְכוּ׳, אוּן דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ זֶען דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, אַז (יִרְמְיָהוּ י, י): "וַה׳ אֱלֹקִים אֱמֶת", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אֱמֶת; אִיז וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן? פַארְוָואס זָאלְן צְוֵויי בְּרִידֶער נִישְׁט רֶעדְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער בְּרוּדֶער אִיז בַּיי אַ צְוֵוייטֶע חֲסִידוּת אָדֶער גֶעהֶערְט אִין אַ צְוֵוייטֶע קְהִלָּה וְכוּ׳? פַארְוָואס זָאלְן צְוֵויי שְׁכֵנִים וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן נִישְׁט רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער אַנְדֶערֶער שָׁכֵן גֵייט צוּ אַן אַנְדֶערֶער רֶבִּי, אָדֶער צוּ אַן אַנְדֶערֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ׳? דָאס אִיז דֶער בִּיטֶערֶער גָּלוּת, אוּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם לַיידְט מֶען צָרוֹת, (מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים וָואס עַל פִּי תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּטֵיילְן, מֶען רֶעדְט פוּן אִידְן מַאֲמִינִים בַּה׳ וּבְתוֹרָתוֹ), אוּן וֶוער וֵוייסְט

וִויפִיל פַּרְנָסָה אִידְן פַארְלִירְן צוּלִיבּ מַחֲלֹקֶת, וַוייל אֵיין קְלֵיינֶע מַחֲלֹקֶת אִיז דּוֹחֶה מֵאָה פַּרְנָסוֹת - נֶעמְט אַוֶועק הוּנְדֶערְט פַּרְנָסוֹת פוּן אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹרֶה דֵעָה א, הִלְכוֹת רִבִּית הֲלָכָה ה).

...

## זַיי אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין שָׁלוֹם, זַיי אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ, אוּן גֶעבּ שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט גֶעלְט פַאר שְׁטוּבּ זַאכְן, אוּן פַאר אִירֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְן, זַיי נִישְׁט קַארְג, טוּ אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם; וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט וואוּ עֶר קֶען מַאכְן אַ קְרִיג צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אַזוֹי טוּט עֶר זֵיי בֵּיידֶע אָרָאפְּוַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

עַל כֵּן נֶעם אָן דִי עֵצָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ, אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.), מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, "שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", דִי נַאטוּר בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז אַ וֵוייכֶע נַאטוּר, זֵיי וֵויינֶען אוּן וֶוערְן שְׁנֶעלֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וְכוּ', זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרַייעֶן לְטוֹבָה, וַוייל אַלֶעס אִיז תָּלוּי נָאר אִין דִיר, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ח, יח): "זָכָה", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים - "עוֹזַרְתּוֹ", וֶוערְט דִי וַוייבּ בָּטֵל צוּם מַאן, "לֹא זָכָה, כְּנֶגְדּוֹ", אוּן נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (תִּיקּוּן יד, דַף ל:): "עֵזֶר לוֹ בְּעָלְמָא דֵין", סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט, "וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וַוייל אַלֶעס אִיז נָאר תָּלוּי אִינֶעם מַאן.

...

## דַארְפְּסְט מַאכְן אַבִּיסְל צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

אִיךְ ווִיל דִירְ אֵיין זַאךְ פַארְעֶכְטְן, דוּ דַארְפְּסְט מַאכְן אַבִּיסְל צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן צוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר מִיט אִיר, טְרַאכְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז בִּיטוּל זְמַן, בִּיטוּל תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז ווִיכְטִיג אַז דִי וַוייבּ זָאל בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן צוּ קֶענֶען אוֹיסְרֶעדְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִיר אִין הַארְץ וְכוּ׳.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן אִשָּׁה צְנוּעָה, אַן אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶער וַוייבּ, זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, אוּן טוּ אִיר שֶׁעצְן, אוּן טוּ אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן מִיר הֶעלְפְן אִין דִי מוֹסָד אוּן מִיט דִי קְהִילָה; מִיר פָארְן שׁוֹין אִין וֵוייניגֶער פוּן צֶען וָואכְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן, אַלֶע וָואס טוּעֶן פַארְן רֶבִּי׳ן, אַלֶע וָואס זֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן - טוּט דֶער רֶבִּי פַאר זֵיי, אוּן בְּלַייבְּט נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

...

## פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָארְג נִישְׁט פַאר פַּרְנָסָה, קוּק אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, אוּן זֶע צוּ לֶעבְּן אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם בַּעַל בִּטָּחוֹן, וָואס אִיז גֶעוֶוען ״נָאר פְרֵיילִיךְ״, אוּן הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזָארְגְט וָואס

וֶועט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זֶען וָואס עֶר קֶען הַיינְט טוּן פַאר פַּרְנָסָה, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן - הָאט עֶר גֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַרְבֶּעטְן הָאט עֶר אַיינְגֶעקוֹיפְט אַ סְעוּדָה, "אוּן דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדָה", אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט צַייט צוּ עוֹסֵק זַיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ זִיס לֶעבְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעטוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם, נָאר גֶעטוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, גֶעטוּן וָואס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען צוּ טוּן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן מִיט אַזוֹיפִיל טְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט זַיין? וִוי אַזוֹי? וֶוען? פַארְוָואס?' נָאר פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, ה): "גּוֹל עַל ה' דַּרְכֶּךָ וּבְטַח עָלָיו וְהוּא יַעֲשֶׂה"; וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן אִין פַּרְנָסָה וְכוּ' - אִיז דֶער עִיקָר בְּמַחְשָׁבָה, מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט מָארְגְן, מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט וָואס וֶועט זַיין, וַוייל אוֹיף דִי הַיינְטִיגֶע טָאג הָאט מֶען, נָאר דִי דַאֲגוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' דָאס אִיז דִי צָרָה, דִי בְּרָאךְ; עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרִינְגֶע תַּעֲנִית.

...

## הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן
טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

וִויסְן זָאלְסְטוּ, נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס טוּט שְׁטַארְקְן דִי נֶערְוֶוען וִוי הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; דָאס דֶערְצֵיילְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע נֶערְוֶועזְקֵייטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ.

מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן

דִי סוֹד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אוֹיף זֵיי אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, וַוייל וֶוען עֶס גֵייט זֵיי אַרִיבֶּער עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט, אָדֶער עֶפֶּעס אַ צַעַר, אָדֶער עַגְמַת נֶפֶשׁ - דֶערְצֵיילְן זֵיי עֶס פַאר דִי וַוייבּ, אוּן עַל פִּי רוֹב וָואס קֶען אַ וַוייבּ טוּן? וָואס פַאר אַ עֵצוֹת קֶען זִי דֶען גֶעבְּן? אַנְשְׁטָאט שְׁטַארְקְן - וֶוערְט מֶען מֶער צֶעבְּרָאכְן, פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אָבֶּער אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֵייט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס - דָאס מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, דָאס בְּרֶענְגְט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען הָאט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי מַצָּב, מִיט דִי זַאכְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת מִיט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה.

...

## אַ גַּן עֵדֶן אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת אוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מֶער צַייט מִיט דִי קִינְדֶער; עֶס זָאל זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם עֶס זָאל זַיין פְּחָדִים מִיט נֶערְוֶוען אִין שְׁטוּבּ; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק א, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף נַארָאנִים אוּן טִפְּשִׁים וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַ נֶערְוֶועזֶער; וַוייל דִי קִינְדֶער הָאבְּן מוֹרָא צוּ פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער - וֶוערְט זֵייעֶר נֶפֶשׁ צֶערִיסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ זִינְגֶען לֶעבֶּעדִיגֶע פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, זִינְג נִישְׁט וֵויינֶעדִיגֶע טְרוֹיעֶרִיגֶע נִיגוּנִים, לָאז אָפּ דִי עֶרְנְסְטֶע עַצְבוּת'דִיגֶע

מַעֲשִׂיּוֹת, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵייליךְ, מַאךְ פְרֵייליךְ דַיין שְׁטוּב - דַיין ווייב און קִינְדֶער; דֶעמָאלְט וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין שְׁטוּב, עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן אַ גַן עֵדֶן אִין שְׁטוּב.

אוֹיךְ וֶוען מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין אַ קִינְד, בִּפְרַט דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער - דַארְף דָאס גֵיין מִיט רֶבִּי נָתָן׳ס רֶעצֶעפְּט; אַ לֶעפְּל חִינוּךְ מִיט אַ שִׁיסְל גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַ שִׁיסְל קָאמְפְּלִימֶענְטְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים און אוֹיסְוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען בֶּעט זַאכְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען זֶעט נִישְׁט וִוי מֶען וֶוערְט גֶעעֶנְטְפֶערְט וְכוּ׳? ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵל", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט און גֶעבֶּעטְן, "וְלֹא נֶעֱנֶה", און עֶר אִיז נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, "יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵל", זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן; וַוייל אַמָאל דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף אַ זַאךְ מֶער תְּפִילוֹת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ב, יז): "יֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְאַרְבָּעִים יוֹם", אַמָאל וֶוערְן תְּפִילוֹת גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, לְמָשָׁל פֶערְצִיג טֶעג, און אוֹיךְ אַמָאל דַארְף מֶען בֶּעטְן אַ סְכוּם תְּפִלוֹת בִּיז מֶען פוֹעֶלְ׳ט אַ יְשׁוּעָה; מֶען דַארְף אַסַאךְ גֶעדוּלְד נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, נָאר אוֹיסְוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד און הָאבְּן עַקְשָׁנוּת נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן תְּפִלָּה, נָאר בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים.

שְׁטַארְק זִיךְ ...., אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיין תְּמִימוּת, וִוי דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה און

יִרְאַת שָׁמַיִם, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן און אוּיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

...

## אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן - אִיז דִי לֶעבְּן זִיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי מָאוִויס, דוּ קוּקְסְט מֶער נִישְׁט קַיין מָאוִויס; יֶעצְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וְויסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶע קְדוֹשׁוֹת און אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין הִיטְן דִי אוֹיגְן, אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן - אִיז דִי לֶעבְּן זִיס, און אַז חָלִילָה מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט דִי לֶעבְּן אַזוֹי בִּיטֶער, מֶען לַיידְט און מֶען זוּכְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן און עֶנְדִיגְן דֶעם לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיד), אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן רֶבִּי'ן, און דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: "עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען מוּז זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר זֵייעֶר הִיטְן", און רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי תְּנוּעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעמַאכְט, וְוי דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעטְרֵייסְלְט בַּיים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וְוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט עֶפֶּעס גָאר שְׁטַארְק מַשִּׂיג גֶעוֶוען, וָואס פַּאסִירְט בַּיים קוּקְן עֲבֵירוֹת, און בַּיים טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אַז דִי פְּגַם קוּמְט אָן זֵייעֶר הוֹיךְ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ".

שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ, אֲפִילוּ כְּלוֹמִר'יש אִיז עֶס נִישְׁט עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קה:), דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זַיינֶע טְרִיקְס וְוי אַזוֹי עֶר שְׁלֶעפְּט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת, עֶר הֵייבְּט אָן צוּרֶעדְן צוּ טוּן נָאר דָאס און נָאר יֶענְץ, בִּיז עֶר שְׁלֶעפְּט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אִיךְ לִיג מִיט חוֹבוֹת פוּן אִיבֶּער פִיר מִילְיָאן דָאלֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער אֲחִי פִּישׁ נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר אוֹיךְ דִי יָאר מַאכְן דִי יֶערְלִיכֶע אַנְשֵׁי חַיִל קָאמְפֵּיין, מִיךְ אַרוֹיסְצוּבֶּעִילְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת וָואס אִיךְ בִּין אַרַיין פַאר אוּנְזֶער קְהִילָּה אוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

אִיךְ לִיג יֶעצְט מִיט חוֹבוֹת פוּן אִיבֶּער פִיר מִילְיָאן דָאלֶער; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ קוּמְסְט גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, אָדֶער לָאמִיר זָאגְן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ אִין דַיין מֹחַ? שְׁפִּירְסְט וִוי עֶפֶּעס דְרִיקְט? יֶעצְט טְרַאכְט וִוי אַזוֹי אוּן וָואס טוּט זִיךְ אִין מַיין מֹחַ וֶוען אִיךְ קוּם חוֹבוֹת פוּן אִיבֶּער פִיר מִילְיָאן דָאלֶער פַאר מֶענְטְשְׁן; נִישְׁט פַאר מַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן נָאר צוּ בּוֹיעֶן דִי קְהִלָּה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, טוּ מִיר אַ טוֹבָה אוּן וַוארֶעם אָן דִי טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז אַלֶע זָאלְן אַנְטֵיילְנֶעמֶען אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אִין דֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין מִיךְ אַרוֹיסְצוּבֶּעִילְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ וִויל דִירֶעקְט נִישְׁט נֶעמֶען דִי גֶעלְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ וִויל אַז דִי תַּלְמִידִים אוּן דִי חֲבֵרִים זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט. וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן מְתוּקָן, עֶס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן פַאר אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל צֶענְדְלִיגֶער מָאל אַז גֵיין נָאךְ גֶעלְט, צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ - אִיז מְתַקֵּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

לָאז מִיר וִויסְן וָואס אִיךְ קֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַז דִי קָאמְפֵּיין זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דִי קָאפּ זָאל זַיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי קָאפּ זָאל טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל

לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּב, הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י פַּארְטְרַייבְּט דֶעם יֵצֶר הָרָע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּדְלְט אוּן צֶעשְׁטְרוּדְלְט פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פוּן מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ".

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע וָואךְ, מִיר עֶנְדִיגְן סֵפֶר בַּמִּדְבָּר, אוּן מִיר גֵייעֶן שְׁרֵייעֶן אִין שׁוּל: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר: פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; טֵייל אַיין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ.

מוֹהֲרַאָ"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים, אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י - פַּארְטְרַייבְּט דֶעם יֵצֶר הָרָע; דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אִין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת (ח.): "כָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו".

דָאס אִיז אַ חִיּוּב, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח

חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף א). "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם", אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב יֶעדֶע וָואךְ צוּ לֶערְנֶען שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר", ווייל יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ - "מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים.

בְּלַייבּ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ שַׁבָּת, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לו): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת", וֶוער עֶס הָאט אַ שׁוּל אִין זַיין שְׁטֶעטֶעלֶע, "וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל", אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט דַאוֶוענֶען, "גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו", אִיז עֶר גוֹרֵם פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַ גָלוּת לֶעבְּן; דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ וואלְגֶערְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן, אוּן אֲפִילּוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, דִי זְמַן אִיז שְׁפֶּעט, עֶס אִיז פוּן דִי שְׁפֶּעטְסְטֶע זְמַנִים אִין יָאר, אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַאוֶוענְט גָאר שְׁפֶּעט, אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ ווילְסְט דִיךְ נָאר אַבִּיסֶעלֶע צוּלֵייגְן, אוּן נָאכְדֶעם בְּלַייבְּסְטוּ שְׁלָאפְן אִינְדֶערְהֵיים; טוּ דָאס נִישְׁט, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, גֵיי אִין שׁוּל אֲפִילּוּ עֶס אִיז הֵייס, גֵיי אִין שׁוּל אֲפִילּוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם, גֵיי אִין שׁוּל אֲפִילּוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים דָארְט, גֵיי אִין שׁוּל פַאר דִיר, פַאר דַיין נְשָׁמָה, פַאר דַיין נִצְחִיּוּת אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אוֹיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה וֶוען דוּ זִיצְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זֶען אַז עֶס זָאל זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן שַׁבָּת, לִיבּ הָאבְּן דִיךְ, לִיבּ הָאבְּן דִי מִשְׁפָּחָה.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לִיכְטִיגֶע שַׁבָּת!

...

## זִיךְ בַּאנִיצְן מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

אִיךְ בֶּענְק מִיךְ זֵייעֶר נָאךְ עֶנְק, אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, זַייט מִיר דַן לְכַף זְכוּת אַז עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי אַלֶע בְּרִיוְון וָואס אִיר שִׁיקְט מִיר, אוּן עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי טֶעלֶעפָאנֶען וָואס אִיר רוּפְט מִיר.

זַייט מִיר דַן לְכַף זְכוּת; אִיךְ בִּין אַזוֹי פַּארְנוּמֶען, יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אָפִּיס, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין קָאמְפְּיוּטֶער, אוּן נִיטְאַמָאל דֶעם טֶעלֶעפָאן הָאבּ אִיךְ צַייט אוֹיפְצוּהֵייבְן אוּן זֶען וֶוער עֶס רוּפְט מִיר.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין אַפּוֹינְטְמֶענְט, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין פְּרָאטֶעקְצְיֶע, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן צִי מֶען וֶועט יָא זֶען מַיין אִימֶעיל צִי מֶען וֶועט נִישְׁט זֶען מַיין אִימֶעיל; צִי מֶען וֶועט יָא לֵיינֶען מַיין בְּרִיוו, צִי מֶען וֶועט נִישְׁט לֵיינֶען מַיין בְּרִיוו; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען דִירֶעקְט אוּן פֶּערְזֶענְלִיךְ אָנְקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אוּן זִיךְ פַאר אִים אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער.

אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן שְׁפִּיטָאל, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים; אוֹי, וְויפִּיל דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן מֶען קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען קֶען זִיצְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה; וְויפִיל דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, מֶען קֶען וָואקְן, מֶען קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ נִיצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעוֶועןאַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז אַלְץ גֶעוֶועןצוּגֶעלֵייגְט, הָאט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער גֶעזָאגְט: "דִי חִילוּק פוּן אוּנְז אִיז, דוּ וֵוייסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן אִיךְ וֵוייס דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אָבֶּער אִיךְ בַּאנִיץ זִיךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת"; אַז מֶען נִיצְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן שִׂמְחָה, קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן מֶען הָאט כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ

"טַאטֶע, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַעַר, דִי צֵיין טוּט מִיר וֵויי, דִי וֵוייטָאג אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס קְנַאקְט בִּיזְן מֹחַ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, אַהַהַ... אַהַהַ..."

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זִי הָאט גֶעוֵויינְט: "טַאטֶע אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַעַר, דִי צֵיין טוּט מִיר וֵויי, דִי וֵוייטָאג אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס לֶעכֶערְט מִיר בִּיזְן מֹחַ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן... אַהַהַ... אַהַהַ..."

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיר: "זַיי פְרֵיילִיךְ וֶועט קוּמֶען אַ רְפוּאָה, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין וֵוייטָאג".

"טַאטֶע... אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ דָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, עֶס שְׁטֶעכְט, עֶס רַייסְט..."



זַיי פְרֵיילִיךְ

זָאגְט אִיר דֶער רֶבִּי: "אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ - מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין עֶכְט פְרֵיילִיךְ - מַאךְ אַ שְׁמֵייכְל, מַאךְ זִיךְ כְּאִילוּ דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ; וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, וַוייל אֲפִילוּ מֶען מַאכְט אַ גֶעמַאכְטֶע שְׁמֵייכְל - וֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים און מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי מִיר ווילְן, און אֲפִילוּ עֶפֶּעס טוּט זֵייעֶר וֵויי - דַארְפְן מִיר וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ זַיין, און אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ - לָאמִיר זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

# זכות הפצה

**הספר הקדוש הזה נתנדב על ידי**

מוה"ר **יצחק ראטה** הי"ו

**לרגל שמחת הבר מצווה**

**של בנו**

**הבה"ח אליעזר נ"י**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# מהדורת רייכמאן

**הספר הקדוש הזה נתנדב**
**לזכות**

מוה"ר **יחיאל אלתר רייכמאן** הי"ו

וזוגתו **שרה מלכה** תחי'

**וילדיהם**

**אסתר גיטל ומשפ', יוטא ברכה ומשפ', דניאל יעקב, יצחק, חוה, לאה, רפאל, חזקיהו פייוול, רחל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון